בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ

תש"פ

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?.................... א

וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער? .................... ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶעט?.................... ד

וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?.................... ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זֶע צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג הַלָכָה.................... א

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימוּד הַלָכָה. .................... א

גֶעב צְדָקָה דֶער סְכוּם פוּן ״בָּנִים״ גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.................... ב

שִׁיעוּרִים פַאר פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט.................... ג

פִיר מָאל אַ יָאר וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט ״יוֹם כִּיפּוּר קָטָן״.................... ג

לִימוּד דַף גְמָרָא בְּכָל יוֹם אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת.................... ד

אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.................... ה

מִיט שִׂמְחָה וֶועט דַיין וַוייבּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה. .................... ו

נִישְׁט גֵיין אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער.................... ו

אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט. .................... ז

דֶער נֵייעֶר וִוינְטֶער זְמַן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.................... ח

אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.................... י

פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.................... י

דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.......................................... יא

קוּם אַרַיין אִינֶעם תֵּיבָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןן פוּנֶעם מַבּוּל........יב

נִישְׁט צְוִוינְגֶען דָאס קִינְד צוּ זָאגְן קַדִּישׁ. .................................. יג

דַיין זוּן אִיז פוּן דִי בֶּעסְטֶע תַּלְמִידִים. .....................................יד

דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַן הַצָלָה-מַאן. ..........................................יד

בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.................................. טו

דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קַיין קְלָלוֹת...................................... טז

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין רוּאִיג אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ...... טז

מִיט גוּטְס אוּן מִיט גֶעדוּלְד קוּמְט מֶען אָן.........................................יז

זִיךְ הִיטְן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג. .............................................יח

קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן. ........................................... יט

מְ'רֶעדְט לֵיידֶער אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וָואס הֶעלְפְט אַלֶעמֶען אוּן אִיז אַלֶעמֶען
מְחַזֵק. ................................................................. כ

פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִין צְפַת.............................................כא

אַז מְ'פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער. ........................כא

אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַרָאפְּפַאלְן.....כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמֶשׁ מְחַיֶה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אֵיין קִינְד, פִיר יָאר אַלְט, אָבֶּער אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעוִויסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי גוּטֶע דָאקְטוֹרִים, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען צוּפִיל רְפוּאוֹת פוּן זֵיי וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וֶועט מִיר שָׁאטְן. אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען עֵצוֹת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ נִסִים. בִּפְרַט אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד, זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר טַייעֶרֶע קִינְד וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ׳קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט׳, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ׳קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן

דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): "עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קנ, ו): "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ", אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם זָאל מֶען לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן כֹּ'ל הַ'נְּשָׁמָה תְּ'הַלֵּל אִיז נוֹטְרִיקוֹן דֶער הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה'; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "הַטּוֹב שִׁמְךָ וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת", אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן וּלְ'ךָ נָאֶ'ה לְהוֹדוֹ'ת אִיז אוֹיךְ נוֹטְרִיקוֹן דֶער הֵיילִיגְן שֵׁם, אוּן אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן פוּן מָשִׁיחַ אִיז אוֹיפְגֶעקְרִיצְט דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה', אַזוֹי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט תכ"ה וִויפִיל מָשִׁי"חַ בֶּ"ן דָוִ"ד מִיטְ'ן כּוֹלֵל, מִיט דֶעם שֵׁם פוּן ת'כ'ה' וֶועט מָשִׁיחַ מַכְנִיעַ זַיין אַלֶע רְשָׁעִים.

אַז אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער, אָן קַיין רְפוּאוֹת אוּן אָן קַיין דָאקְטוֹרִים.

...

~~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען זִיךְ אוּם מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין ב"ה בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן מַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוֹיךְ פַאר עֶלְטֶערֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס מַאכְן שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנִירְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף וִויסְן וֶוען מֶען מַאכְט שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער. אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער גֶעווָאוִיר וֶוערְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט טְעוּתִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, בִּפְרַט אוֹיף דֶעם חֶסֶד אַז דַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה. וִויפִיל
~~~~~~~~~~~

צֶענְדְלִיגֶער און הוּנְדֶערְטֶער שְׁטוּבֶּער שְׁטֵייעֶן און וַוארְטְן אוֹיף דִי מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה צוּ קֶענֶען פִירְן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, און אִים בֶּעטְן וַוייטֶער פַאר זֵיי און פַאר אַלֶע אִידְן.

נֶעם דִי מִדָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם", אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזוּכְט ווִי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם; דָאס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג טוּן, פַאר דַיין זוּן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'", און פַאר דַיין טָאכְטֶער זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן ווִי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט פוּן אִיר מַאן. יֶעדֶעס מָאל דוּ טְרֶעפְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאג פַאר דַיין אֵיידֶעם: "דוּ הָאסְט אַ חָשׁוּב'עֶ טַאטֶע וְכוּ'", אֲפִילוּ עֶר הָאט דִיר בַּא'גַנְבֶ'עט בַּיי דִי חֲתוּנָה, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין שְׁנוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעאַמְפֶּערְט וְכוּ', וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד ווִי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַן עֶפְּל פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיינֶע טְרֶערְן און זִיךְ אָפְּגֶעוִוישְׁט דֶעם פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'".

דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן גֶעדֶענְקֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן און אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין און סַיי וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק וָואס הָאבְּן מִיר גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאב קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער זַייט אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי "בֵּית נִצְחִי", אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דֶערקְוִויקְט זִיךְ דֶערְמִיט, אוּן אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּנְזֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז גֶעוָוארְן אַ תּוֹכְנ'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גְרוֹיסֶע מוֹסָד פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, אִיךְ מַאךְ בָּרוּךְ ה' שֵׁיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ דַארְף זִיךְ אַסַאךְ דְרֵייעֶן אִין דִי בִּנְיָנִים אוּן אִין דִי קְלַאסְן, אוּן ס'קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועמֶען אִיךְ סֶערְוִויר בַּיי דִי אַרְבֶּעט. כָּאטְשׁ וָואס אִין מַיין אָפִּיס זִיצְן נָאר מֶענֶער, אִיז אָבֶּער אִין דִי אַנְדֶערֶע אָפִּיסֶעס דָארְט אוֹיךְ דָא פְרוֹיעֶן, אוּן בִּכְלַל דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט אַסַאךְ פְרוֹיעֶן. אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען נָאר פְרוּמֶע אוּן הֵיימִישֶׁע, מ'רֶעדְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אַז מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נִישְׁט גוּט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר.

אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ גוּט בַּאצָאלְטֶע פַּרְנָסָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אַ כָּשֶׁר'עֶ פַּרְנָסָה וַוייל אִיךְ פַּאל דָארְט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן אִין דִי גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן רַחְמָנָא לִצְלָן דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ'. מוֹהַרְאַ"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין: "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׁבֵּרוּ'", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין

צַייט.

שְׁרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין מִיט דִי אוֹיגְן, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זֶען אֱלֹקוּת אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן אִין מִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט פְרוֹיעֶן וֶועסְטוּ זִיךְ הִיטְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, וַוייל וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; דָאס בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרִימַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן פַּארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרִימַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס גֶעבְּן מִיר דִי כֹּחַ אוּן מוּט אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין מַיין לֶעבְּן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ, אוּן פִיל מָאל אוֹיךְ אִין דִי עֶפֶנְטְלִיכְקֵייט. בָּרוּךְ ה' אַז צוּלִיבּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִישׁ אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער דָאס מַאכְט מִיר פִיל צַעַר אוּן ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִיבֶּערְצוּטְרָאגְן.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט דָאס מִיר זֵייעֶר וֶוען אִיךְ בִּין אִין שׁוּלֶע, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן גֶעהֶערִיג צוּ וָואס דִי לֶערֶערִינְ'ס רֶעדְן, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען אִיךְ נִישְׁט גוּט, מְ'שְׁרַייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר, אוּן פִיל מָאל וֶוער אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט דֶערְפַאר.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם דָאס דוּרְכְצוּרֶעדְן מִיט קַיין אֵיין לֶערֶערִין אִין שׁוּלֶע, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס
~~~~~~~~~~

צו טוּן, אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן מִיט אַן עֵצָה?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ צְוַויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶערְוַוייל וֶוערְן זֵיי עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיךְ צוּ מִיר וֶוען ס'וֶועט קוּמֶען מַיין רֵייעֶ אִין שִׁידוּכִים, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַסַאךְ וֶועלְן, אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דֶערְהַאלְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, נֶעמְטְס אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז זִיכֶער מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועט אִיר נָאר פַּארְדִינֶען פוּן דֶעם.**

**נֶעמְטְס דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעדְטְס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶערְצֵיילְטְס אִים אַייעֶרֶע וֵוייטָאגְן, בֶּעטְס אִים: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז מַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אֵיינֶער מִיט׳ן צְווייטְן; עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶעבְּן גֵייט מִיר צוּגְרִינְד פוּן דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ פְלִיט מִיר אַוֶועק, אִיךְ קֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן דִי לִימוּדִים אִין שׁוּלֶע, פוּן טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ.**

**גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, הֶעלְף אַז מַיינֶע בְּרוּדֶערְס זָאלְן שׁוֹין טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע שִׁידוּכִים אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ״.**

**מִיט תְּפִילָה וֶועט אִיר אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן, ווייל תְּפִילָה טוּישְׁט אַלֶעס, תְּפִילָה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; מֶען קֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען אוּן אַלֶעס טוּישְׁן דוּרְךְ תְּפִילָה. אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִילָה אוּן מֶען הָאט סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר.**

וִוי מֶער אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַייךְ קְלָארֶער וֶוערְן דִי אֱמוּנָה, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### זֶע צוּ לֶערְנֶען פְּלַייסִיג הַלָּכָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חוֹרֶף, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֶע צוּ לֶערְנֶען פְּלַייסִיג הַלָּכָה; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הַלָּכָה מֶער פוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט), וַוייל הַלָּכָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין הַאנְט הַאלְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער הָאט גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָּה? מַאכְן דִי מַצָּה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען הַאלְט אִים אַלֵיינְס״.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט ״הַלָּכָה״, פַארְוָואס פַּסְקְ׳נְט מֶען אַזוֹי? וַוייל ׳גָאט׳ הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, אִיז דִי הַלָּכָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

אִיךְ אוּן אוֹיךְ מַאמִי הָאבְּן זֵייעֶר פִיל נַחַת פוּן דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

### דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימּוּד הַלָּכָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען הַלָּכָה, דוּ גֵייסְט צוּם שִׁיעוּר פוּן הָרַב הַגָּאוֹן ר׳ ... שְׁלִיטָ״א, וָואס לֶערְנְט פָאר הַלָּכָה בְּטוּב טַעַם וָדַעַת, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פִירְן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימּוּד הַלָּכָה, מֶער וִוי
~~~~~~~~~~~

אוֹיף אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט); וַוייל אָן הֲלָכָה קֶענֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַ אִיד.

אִיךְ הָאף אַז בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע חֲסִידִי'שֶׁע בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, אוּן מַאכְן נַחַת פַּאר דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; זֵיי הָאבְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶערְפַאר פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר יֶעצְט צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיךְ הֲלָכָה, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּאר דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; עֶס קוּמְט זִיךְ זֵיי דִי נַחַת פַּאר זֵייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵיי טוּעֶן טָאג טֶעגְלִיךְ פַּאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

גֶעבּ צְדָקָה דֶער סְכוּם פוּן "בָּנִים" גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע בְּשׂוּרָה, צוּ בָּנִים זֶרַע בֵּרַךְ ה'.

וֶוען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר צְדָקָה דֶעם סְכוּם פוּן 5.92; פִינְף דָאלֶער מִיט צְוֵויי אוּן נַיינְצִיג צֶענְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יד) עֶס זֶענֶען דָא תְּפִילוֹת וָואס וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען נָאר וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ בֵּיישְׁפִּיל, לְמָשָׁל וֶוען מֶען בֶּעט: "תֶּן לִי בָּנִים", זָאל מֶען גֶעבְּן דֶעם סְכוּם פְּרוּטוֹת וִויפִיל עֶס בַּאטְרֶעפְט "תֶּן לִי בָּנִים" - 592; אוּן דִי גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר אָרִימֶעלַייט אָדֶער זָאלְסְטוּ דְרוּקְן מִיט דֶעם סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרַא"שׁ; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אַ גְרוּס פוּן דַיין מַאן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה יֶעדְן טָאג אִים צוּ זֶען קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן שַׁדְכָן.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**שִׁיעוּרִים פַאר פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ מַאכְסְט מִיר נַחַת אוּן דוּ מַאכְסְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם; דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן זָאגְן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אַז אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן פַאר אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִינְגֶעלַייט - תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה - וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט פַארְיָאר אוּן פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק, תשע"ח אוּן תשע"ט, אִיךְ וִויל זֵיי גֶעבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים; זַיי מִיר מוֹדִיעַ וֶוען עֶס אִיז גוּט פַאר עֶנְק, וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן הַדְרָכָה וְהִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אוּן בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

זַיי שְׁטַארְק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ בִּיסְט נָאכְאַמָאל מְסַיֵּים מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶערְוֶועגְן פַאר דַיין וַוייבּ אַפָּאר טֶעג פַארְדֶעם, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען פַייעֶרְן אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם אִין שְׁטוּבּ אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**פִיר מָאל אַ יָאר וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר טָאג טֶעגְלִיךְ אִינֶעם מוֹסָד בִּכְלַל אוּן מִיט דִי מֵיידְל סְקוּל בִּפְרַט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן יֶעצְט בְּקָרוֹב מַמָּשׁ דַיין זִיווּג, עֶס זָאל דִיר צוּרִיק קוּמֶען דָאס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהָאלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מוֹסְדוֹת.

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אִינֶעם "לוּחַ בְּרֶסְלֶב" אַז בַּיי עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן הָאסְטוּ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט "יוֹם כִּפּוּר קָטָן"; וויל אִיךְ בַּאמֶערְקְן אַז פִיר מָאל דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹם כִּפּוּר קָטָן אִם עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דִי פִיר מָאל זֶענֶען "עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

חֶשְׁוָן", וַוייל עֶס אִיז נָאךְ אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן; אַזוֹי אוֹיךְ "עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת", וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה; "עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר", וָואס אִיז נָאךְ אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, אוּן אוּם "עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי", וָואס מִיר בַּאהַאלְטְן דֶעם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כְּדֵי לְעַרְבֵּב הַשָּׂטָן.

דִי דוֹרְשֵׁי רְשִׁימוֹת גֶעבְּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם, לוֹיט וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כט, יא): "מִלְּבַד חַטַּאת הַכִּפֻּרִים", חַטַּאת אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: חֶ'שְׁוָן, טֵ'בֵת, אִ'יָּיר אוּן תִּ'שְׁרֵי, דָאס הֵייסְט אַז אַלֶע עַרְבֵי רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יוֹם כִּפּוּר קָטָן, מִלְּבַד חַטַּא"ת - אוֹיסֶער דִי פִיר מָאל וָואס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**לִימּוּד דַף גְּמָרָא בְּכָל יוֹם אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ קוּמְסְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּם "גְמָרָא שִׁיעוּר" אוּן נָאכְדֶעם גֵייסְטוּ אִין כּוֹלֵל פַאר אַ שָׁעָה צוּ אִיבֶּער חַזֶר'ן דֶעם דַף גְמָרָא וָואס מִיר לֶערְנֶען פַאר יֶעדְן טָאג.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דֶער לִימּוּד דַף גְמָרָא בְּכָל יוֹם גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, בִּפְרָט בַּיי אִינְגֶעלַייט הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר גְמָרָא; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען אַז אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא יֶעדְן טָאג פִינְף שִׁיעוּרִים אִינֶעם דַף גְמָרָא. בָּרוּךְ ה' אַז מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ קוּמְסְט.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל נִישְׁט זָארְגְן פַאר קִינְדֶער, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע בֵּרַךְ ה'; זַיי מְקַיֵּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים?" וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לָעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ וְכוּ'", אוּן עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ חַבֶרְ׳ן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר חַיוּת אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן חַיוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. אוּן דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן לֵצִים, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַוֶועק מַאכְן אוּן מֶען קֶען פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶער וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד טוֹישְׁט זִיךְ נִישְׁט - עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר אִיז וַוייטֶער דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער זַיין חַיִים טוֹבִים, עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶר הָאט הַנָאָה אַהֵיים צוּ גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ׳; וֶוער לַיידְט פוּן לֵיצָנוּת? דֶער לֵץ וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אִים אוֹיס, דֶער וָואס הֶערְט רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִיק אוּן אוֹיף דֶעם וָואס אִיז אִים מְזַכֶּה צוּ לֶערְנֶען, צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין עֵצוֹת פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד, וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוֹיף אִים לֵיצָנוּת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין וַוייל אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ זְמַן, מִיר זֶענֶען אַרַיין אִינֶעם צְוֶועלְפְטְן יָאר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם. בָּרוּךְ ה׳ מֶען רֶעדְט דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז יֶעצְט, גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן הֶערְן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיט שִׂמְחָה וֶועט דַיין וַוייבּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' מַאכְט מִיט, אוּן נָאכְמֶער טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען וִוי דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן וִוי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם שַׁארְבּ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הוֹיבּ זִיךְ אוֹיף; דָאס אִיז אַלֶעס נָאר אַ פְּרוּאוְוּ וָואס מֶען פְּרוּאוְוט דִיר צוּ זֶען צוּ וֶועם דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; מֶענְטְשְׁן וֵויסְן נִישְׁט אַז מֶער מֶענְטְשְׁן מִיט "יֶענֶע מַעֲשֶׂה" ה' יְרַחֵם דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס וִוי פַארְקֶערְט.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד) וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**נִישְׁט גֵיין אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵויי וֵויי, גֶעוַואלְד גֶעוַואלְד! וִוי מֶעג אַ אִיד גֵיין אִין אַ שְׁוִויץ מִיט גוֹיִם אוּן גוֹי'טֶעס? עֶס אִיז דָאךְ גִלּוּי עֲרָיוֹת! מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְדֶעם בַּאצָאלְט מֶען אַ בִּיטֶערֶע עוֹנֶשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "חוּץ מִן הַזְּנוּת", אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִאוּף רַחְמָנָא לִצְּלָן דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, דֶער
~~~~~~~~~~

אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ; וֵויי פַּאר דֶעם וָואס גֵייט אִין אַזַא פְּלַאץ, בַּיים סוֹף וֶועט עֶר אַלֶעס פַאְרלִירְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיר אִין אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין לֶעבְּן אוּן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה; לַאף נִישְׁט אָפּ פוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן מַיין הַארְץ, נֶעם אָן דִי וֶוערְטֶער וֶועט דִיר גוּט זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ נָאר פַאר דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; דוּ טוּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבָה אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, נָאר פַאר דִיר אַלֵיין.

אַז דַיין וַוייבּ וֶועט גֶעוואוּיר וֶוערְן וואוּ דוּ גֵייסְט אִיז בַּיי מִיר בָּרוּר אַז עֶס גֵייט גְלַייךְ זַיין אַ גֶט אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְוָואגְלְט פַארְ'ן לֶעבְּן; טוּ תְּשׁוּבָה, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי חֲבֵרִים.

גֶעדֶענְק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ זֶע אַז וויִפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ פוּן דֶעם עִנְיָן דַארְף אִיךְ שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר יוּנְג, זֵיי זָאלְן פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע; מֶען דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, דֶעמָאלְט שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז "אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט"; אַז מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד נֵיין אִיז נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוֹיבּ דֶער קִינְד ווִיל דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, בְּלָאזְן אוּן פַארְפִירְן וְכוּ'; דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיסְצוּפִירְן, בִּיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרְס אַ וָוארְט, דֶעמָאלְט גֶעבְּן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער אוּן וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט פוּנֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט בָּחוּרִים אַז מֶען זָאגְט זֵיי נָאר זַאכְן וָואס זֵיי וֶועלְן יָא אָנְנֶעמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אֵיינְס מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז מֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ וִוי מֶען אִיז מְחַנֵךְ עֶרְוַואקְסֶענֶע קִינְדֶער וָואס הֵייבְּן אָן יֶעצְט אַ פְרִישֶׁע לֶעבְּן. דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פַארְגְלַייכְן אַ יוּנְגֶע רֵיינֶע קִינְד צוּ אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט אָן קַיין חִינוּךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, מֶען דַארְף אִים הֶעלְפְן אוֹיסַארְבֶּעטְן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן, גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין צַייט; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

דֶער נֵייעֶר ווִינְטֶער זְמַן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר אוּן דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, וֶועל אִיךְ דִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אַרַיין אִינֶעם צְוֶועלְפְטְן יָאר פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט בִּשְׁנַת תשס״ט לִפְרָט קָטָן; יֶעצְט זֶענֶען נִתְרַבֶּה גֶעוָוארְן סַפְסָלֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶעם זְמַן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע בָּחוּרִים וָואס עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶועזְן בִּיז יֶעצְט.

אִינְדֶערְפְרִי הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער טָאג מִיטְ׳ן שִׁיעוּר גְמָרָא, אַכְט אַזֵייגֶער לֶערְנְט מֶען פָאר דֶעם דַף בַּבְלִי אוּן דֶעם דַף יְרוּשַׁלְמִי; שַׁחְרִית דַאוְונְט מֶען צֶען אַזֵייגֶער; נָאכְדֶעם לֶערְנֶען דִי בָּחוּרִים - יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וַהֲלָכָה וְכוּ׳; צְוֵויי אַזֵייגֶער אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, רַשִׁ״י, תּוֹסְפוֹת - בִּיז הַלָכָה; דְרֵיי אַזֵייגֶער אִיז מִנְחָה, אוּן פִינְף אַזֵייגֶער קוּמְט פָאר דֶער שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת.

אוֹיךְ דִי חֶדֶר גֵייט אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֵייט דִי סְקוּל אָן מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶועג וִוי אַלֶע יָארְן; מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער חָכְמַת הַחַיִּים - וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, זֵיי זָאלְן ווִיסְן וִוי אַזוֹי
~~~~~~~~~~

מֶען לֶעבְּט וֶוען דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, אוּן וִוי מֶען הָאט גֶעפְּלַאנְט; מֶען זָאל וִויסְן אוּן לֶעבְּן מִיט דִי יְדִיעָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ׳פַארְוָואס׳, ׳פַאר וֶוען׳ אוּן ׳פַאר וִוי׳; אוֹיךְ דֶער כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה גֵייט אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, מֶען לֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן הִלְכוֹת טָהֳרָה, דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן וָואס טוּט זִיךְ דָארְט, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, אַלֶע אִינְגֶעלַייט לֶעבְּן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט, מֶען הֶעלְפְּט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָארְט אִיז פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט עֶפֶּעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר לַהֲלָכָה וואוּ עֶס זִיצְן אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן לֶערְנֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה, זֶעקְס אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי; בַּייְנַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, מֶען לֶערְנְט פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, רוֹב אַיינְוואוֹינֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם שִׁיעוּר.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין בְּלִיקְן אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יב, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָּה) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם קָאךְ, מִיט דִי פֵייגְל וְכוּ׳; דָאס זֶעט מֶען אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, דֶער קָאךְ קָאכְט וַוייטֶער פֵיינֶע עֶסְן אוּן דִי פֵייגְל פָּאכֶענֶען אַלְץ מִיט דִי פְלִיגְלֶען, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם פֵייעֶר, אָבֶער זֵיי צִינְדְן אָן דֶעם פֵייעֶר שְׁטֶערְקֶער וְכוּ׳, אוּן אַלֶע וָואס רֶעדְן וְכוּ׳ אוּן הָאבְּן טַעְנוֹת אַז עֶס שְׁטִינְקְט, זָאגְט זֵיי דֶער גִיבּוֹר: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אַ זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז בְּוַדַּאי זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט, וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען", וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע בְּשׂוֹרָה, בָּרוּךְ דַּיָּין הָאֱמֶת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טְרֵייסְטְן אַייךְ אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען זָאל נִישְׁט ווִיסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה; גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוּן דָאס אִיז זַיין גְרוֹיסְקֵייט; וַוייל אוֹיבּ וָואלְטְן מִיר אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען, וָואלְט גֶעוֶוען חַס וְשָׁלוֹם זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל, דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם; אָבֶּער מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוָואטְן גָלוּת - מִיטְ'ן שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

...

~~~~~~~~~~

**פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן פַאר אַנְדֶערֶע; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאהאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַנְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מִיכְלְ'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען פוּן אִים אַזַא רַעַשׁ?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאהאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אִינֶעם
~~~~~~~~~~

דַאוֶוענֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פוּן אִים אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ וַוייטֶער גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ׳ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ׳״, רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ הָאט אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק״, הָאט רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשׁ׳ט זִיךְ פוּן אִים״; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ זַאכְן אִין וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז אִיר ווִילְט אוּן אִיר הָאט אַ גֶעפִיל צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן צְנִיעוּת אָדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן לָשׁוֹן הָרָע - קֶענְט אִיר דָאס טוּן, מִיר דַארְפְן אָבֶּער בְּעִיקָר עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְווִיסְט זִיךְ פוּן דִי עֵצוֹת וֶועט עֶר שׁוֹין מִמֵילָא אָנְקוּמֶען צוּ אַלְסְדִינְג.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט אַ צוּגַאנְג צוּ מֵיידְלֶעךְ וְכוּ׳ זָאלְט אִיר בְּעִיקָר רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן לוֹיט ווִי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר זֵיי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן זֵיי מִמֵילָא זַיין נִזְהָר אִין לָשׁוֹן הָרָע, זִיךְ אָנְטוּן בִּצְנִיעוּת אוּן לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים; אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם מֶענְטְשׁ פוּן פְּרָטִיוּת׳דִיגֶע נוֹשְׂאִים וְכוּ׳.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען דִי חִיזוּקִים וּבִפְרַט פַאר מֵיידְלֶעךְ וָואס הַאלְטְן אִין אָנְהֵייבּ פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, וָואס זֵיי אִיז גְרִינְג צוּ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

הֵייבּ אָן פוּנְדָאסֶנְיי; דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי טִיף אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ'.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס תְּשׁוּבָה אִיז, אַזוֹי וַוייט אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וְאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר אִם יִרְצֶה ה'; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**קוּם אַרַיין אִינֶעם תֵּיבָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןֹ פוּנֶעם מַבּוּל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טַייעֶרֶער ..., פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט! אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דַיין צָרָה; אַלֶעס אִיז טוּנְקֶל, אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן אוּן פַארְהַאקְט וְכוּ' - לוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר לִיכְטִיג מַאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (מִיכָה ז, ח): "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ", וֶוען אִיךְ זִיץ אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ, "ה' אוֹר לִי", מַאכְט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיכְטִיג.

אִיךְ הָאף אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט הַנָּאָה גֶעהַאט פוּנֶעם שִׁיעוּר דִי וָואךְ.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ שִׁיעוּר; בְּלַייבּ נִישְׁט אִין דַיין לָאךְ אוּן אִין דַיין קַטְנוּת, טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס וֶועל אִיךְ שׁוֹין הֶערְן? דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער?!' 'אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶעס'; נָאר קוּם צוּם שִׁיעוּר, קוּם אַרַיין אִינֶעם תֵּיבָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןֹ פוּנֶעם מַבּוּל, בְּלַייבּ נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן לַאכְן וְכוּ'.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן.
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט צְווִינְגֶען דָאס קִינְד צוּ זָאגְן קַדִּישׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶר אִיז אַ קְלֵיין קִינְד, קוּים אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין כִּתָּה א׳, אַ שֶׁעמֶעדִיג קִינְד, זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צְווִינְגֶען עֶר זָאל זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע; ווִי מֶער דוּ וֶועסְט אִים צְווִינְגֶען אַלְץ מֶער וֶועט עֶר נִישְׁט וֶועלְן זָאגְן קַדִּישׁ, נִישְׁט נָאר דוּ וֶועסְט מַאכְן עֶר זָאל נִישְׁט זָאגְן קַדִּישׁ נָאר דוּ וֶועסְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אִין שׁוּל וְכוּ׳, וְכוּ׳.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זַיין אַ מְגַדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתְךָ, דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען דַיין נֶעפְיוּ וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ יָתוֹם פוּן זַיין מַאמֶע הַשֵּׁם יְרַחֵם, זָאלְסְטוּ אִים נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן רֶעדְן צוּ אִים נָאר דִּיבּוּרֵי אֱמוּנָה; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא דְּבָרִים, סִימָן יח): "אִם אַתָּה מְשַׂמֵּחַ אֶת שֶׁלִּי אֲנִי מְשַׂמֵּחַ אֶת שֶׁלָּךְ"; דוּ וֶועסְט זֶען דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן פִיל נַחַת.

אֱמֶת, דַיין שְׁוֶועגֶערִין עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם הָאט נִישְׁט נָאךְ קִינְדֶער וָואס זָאלְן זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ אִיר, אוּן זִי פְלֶעגְט רוּפְן דֶעם אִינְגְל - אִין דִי לֶעצְטֶע צַייט וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - "מַיין קַדִּישׁ'ל", אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען; מִיט צְווִינְגֶען מַאכְט מֶען נָאר עֶרְגֶער.

דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ גֵייסְט מִיט אִים אִין שׁוּל, קֶענְסְט אִים פְרֶעגְן: "ווִילְסְט זָאגְן קַדִּישׁ?" אָבֶּער נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם, אוֹיבּ זָאגְט עֶר "נֵיין" זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט דַארְפְסְטוּ נִישְׁט".

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ אִיר מְחַזֵּק זַיין; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִי זָאל הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט עֲבוֹדַת הַבַּיִת בְּשִׂמְחָה.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט צוּגֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט מַסְכִּים זַיין צוּ זָאגְן קַדִּישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**דַּיין זוּן אִיז פוּן דִי בֶּעסְטֶע תַּלְמִידִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְקְוִויקְט מִיט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

אִיךְ הָאבּ אַ גְרוּס פַּאר דִיר פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד שְׁלִיטָ״א וֶועגְן דַיין זוּן, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר אִיז פוּן דִי בֶּעסְטֶע תַּלְמִידִים, סַיי מִיטְ׳ן לֶערְנֶען אוּן סַיי מִיטְ דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי גוּטֶע גְרוּס פַּאר דַיין אֵשֶׁת חַיִל, זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת דָאס צוּ הֶערְן.

אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט בַּיי דִי הוֹשַׁעְנוֹת פַּאר אַלֶע תַּלְמִידִים זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן פַּאר׳ן עָתִיד פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי וֶוערְטֶער, מֶען קֶען עֶס הֶערְן אוֹיפְ׳ן הַאטְלַיין ״קוֹל בְּרֶסְלֶב״. אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט דַיינֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַן הַצָּלָה-מַאן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר׳ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת. גֶעבּ אִיבֶּער אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מִתְנַדֵּב גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן מַאכְן דִי עֶלֶעקְטֶערִיק אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, עֶס זָאל זַיין גֶעזֶעצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בִּילְדֶער וִוי אַלֶע אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעוָואלְט דָארְט זַיין; זַיין אַ חֵלֶק פוּן אַזַא שֵׁיינֶע חַבְרוּתָא וואוּ מֶען אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַּאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זַייעֶנְדִיג אַ חֵלֶק פוּן ״חֶבְרָה הַצָּלָה״, דוּ לוֹיפְסְט רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועם דוּ קֶענְסְט נִיטְאַמָאל. אִיךְ הֶער נִישְׁט

אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת ווִי דוּ נֶעמְסְט אַהֵיים דַיין פִידְל צוּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶה מַלְכָּה וְכוּ׳, אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע פְּלַאן אוֹיס, ווייל דוּ לוֹיפְסְט רַאטֶעוֶוען אַ קִינְד וְכוּ׳, דוּ פָארְסְט אַרַיין בִּיזְ׳ן שְׁטָאט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מִיטְ׳ן מְלַוֶה מַלְכָּה.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ שְׁרַייבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרִיוו פַאר דַיין ווייב תִּחְיֶ׳; אִיר קוּמְט דִי בְּרָכָה, זִי גֶעבְּט דָאךְ אַוֶועק אִיר מַאן אִין דִי שֶׁענְסְטֶע צַייטְן אַבִּי צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~

**בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי ווייב אוּן קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט מֵסִיחַ לְפִי תֻּמּוֹ עֶרֶב סוּכּוֹת, אַז מֶען הָאט דִיר גֶעלַאדְנְט צוּ דִי סְעוּדוֹת אָבֶּער דוּ בְּלַייבְּסְט עֶסְן אִין שְׁטוּב ווייל אִין שְׁטוּב אִיז דִיר זֵייעֶר בַּאקְוֶועם; הַלְוַואי זָאל אִיךְ דָאס קֶענֶען הֶערְן פוּן אַלֶעמֶען, אַז זֵיי הָאבְּן הַנָאָה צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי ווייב אוּן קִינְדֶער, נִישְׁט גֵיין צוּ חֲבֵרִים עֶסְן וְכוּ׳.

דוּ הָאסְט מִיר מַמָשׁ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חַיוֹת פוּן דֶעם אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; הֶערְנְדִיג אַז דִי דְרָשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס אִיךְ גֶעבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן, טָאג אַיין טָאג אוֹיס, גֵייט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים; צוּ לֶעבְּן אַן אֵיידֶעלֶע לֶעבְּן אוּן ווִיסְן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ אִיז בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, מֵילָא מֶען גֵייט צוּ עֶלְטֶערְן וְכוּ׳, אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער חֲבֵרִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט גוּטְס.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוּן זֶעט נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר זַיין אֵייגֶענֶע ווייב; דֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶער הָאט נִישְׁט דִי קְלָלָה פוּן קַיִן (בְּרֵאשִׁית ד, יב): ״״נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ״, נָאר עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין קְלָלוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין קְלָלוֹת, אוֹיבּ דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן דִי קְלָלוֹת וְכוּ' זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלָלָה, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "עַל יְדֵי שִׁמּוּשׁ הַצַּדִּיק בָּא חֵרוּת וְנִתְבַּטֵּל הַקְּלָלוֹת", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען בַּאדִינְט אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען פְרֵיי, אוּן אַלֶע קְלָלוֹת וֶוערְן בָּטֵל; אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, אַז עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ דֶערְפַאר אִיז עֶר אַרוֹיס מִכְּלַל אָרוּר לִכְלַל בָּרוּךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעבֶּענְטְשְׁט (מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס, ז).

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, דוּ וֶועסְט מְקָרֵב זַיין נָאךְ מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע קְלָלוֹת.

שְׁלָאפְן אוֹיף דִי רוּקְן אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ.

דוּ קֶענְסְט פְרֶעגְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶס עֶנְטְפֶערְן.

...

~~~~~~~~~~

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין רוּאִיג אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ'; בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי אוּן עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ צוּם "שַׁבָּת סִיּוּם
~~~~~~~~~~

הַשַּׁ"ס", "שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה", "שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

דִי וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר אָנהֵייבְּן אִין יְשִׁיבָה דֶעם פְּרָאגְרַאם פוּן "אָבוֹת וּבָנִים", גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב וֶועלְן מִיר בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן דִי וָואךְ, פוּן דִי פַּרְשָׁה, פוּן דִי לִימוּדִים וְכוּ'. מֶען וֶועט טֵיילְן פַּאר אַלֶע קִינְדֶער אַ נַאשׁ, אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ גוֹרָל.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִין דִי פְּרָאגְרַאם פוּן אָבוֹת וּבָנִים; אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן אִין שׁוּל נָאכְן זְמַן, דַיין וַוייבּ וִויל דוּ זָאלְסְט קוֹדֶם אַהֵיים קוּמֶען, זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין אוּן נָאכְדֶעם גֵיין לֶערְנֶען מִיט דַיין קִינְד בַּיי אָבוֹת וּבָנִים; הַיינְט אִיז דָא דֶער פְּרָאגְרַאם כִּמְעַט אִין יֶעדֶע שׁוּל, קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מִיט זֵייעֶר טַאטֶע וְכוּ'.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיווּ פַּאר דַיין וַוייבּ.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

### מִיט גוּטְס אוּן מִיט גֶעדוּלְד קוּמְט מֶען אָן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם שִׁיעוּר דִי וָואךְ; אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם פְרִישֶׁע כּחוֹת אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט דִי עֲבוֹדַת הַבַּיִת, עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, וָואס אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן בְּרֶענְגֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ אִיר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף אַייעֶר מַאן וְכוּ', זָאלְט אִיר זַיין קְלוּג אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָאס לֶעבְּן; אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל' זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק, אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם 'שְׁפִּיגְל' זֶעט מֶען צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

וַוייזְטְס אַ שְׁמֵייכְל פַּאר אַייעֶר מַאן, רֶעדְטְס צוּ אִים שֵׁיין אוּן הַארְצִיג וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער דְרֵייעֶן לְטוֹבָה, עֶר וֶועט טוּן אַייעֶר וִוילְן וְכוּ'; מִיט גוּטְס אוּן מִיט גֶעדוּלְד קוּמְט מֶען אָן אַסַאךְ וַוייטֶער וִוי וֶוען מֶען בְּלָאזְט אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'.
~~~~~~~~~~

בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת זָאלְט אִיר בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס פֵייעֶר זָאל אֵייבִּיג טְלִיעֶן אִין מַיין הַארְץ אוּן עֶס זָאל טְלִיעֶן אוּן בְּרֶענֶען אִין מַיינֶע קִינְדֶער'ס הֶערְצֶער; עֶס זָאל בְּרֶענֶען אִין מַיין מַאנְ'ס הַארְץ, מַיין מַאן זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער זָאל זַיין חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיי מִיר אוּן בַּיי מַיינֶע קִינְדֶער".

אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ הִיטְן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרָע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז (יְשַׁעְיָהוּ ו, ג): "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים וֶועט עֶר זִיךְ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אִים מַאכְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, ווַייל בַּטָלָה אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, בַּטָלָה בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:) "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס; אַז דוּ הָאסְט לֵיידִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אָדֶער אִין חֶסֶד וְכוּ' וְכוּ', הַלְוַאי וָואלְסְטוּ אוֹיסְגֶענוּצְט דַיין פְרַייעֶ צַייט מִיט הַפָּצָה, מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז מְגַלֶה דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ אַז מִיר זָאלְן עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין.
~~~~~~~~~~

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶער צַייט״; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם הִתְחַזְקוּת אָנְצוּגֵיין מִיטְ׳ן לֶעבְּן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין; קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע גֵייט אוּן שׁוּל יֶעדְן טָאג דְרַיי מָאל אַ טָאג, וֶועלְן אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען אִיז זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע דַאוְונְט נִישְׁט אוּן לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען אַוֶועק צוּ מַאכְן יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זַיין צוּפִיל בֶּעסֶער פוּן אִים. אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין נִזְהָר אִין דֶעם, קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן דֶעם טַאטֶע׳ן עֶפֶּענֶען אַ גְמָרָא יֶעדְן טָאג וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ לֶערְנֶען גְמָרָא.

אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּם דָאקְטֶער מַאכְן סְטִיטְשֶׁעס פַאר מַיין קִינְד, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**מְ'רֶעדְט לֵיידֶער אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וָואס הֶעלְפְט אַלֶעמֶען און אִיז אַלֶעמֶען מְחַזֵּק.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן און אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן און נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ און אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען; אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ".

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִימְ'עֶר, דָאס מַאכְט אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אִין אַ פְּלַאץ וְכוּ'. נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַז אַ מַאמֶע אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה זוּכְן אִיר קִינְד מִיט פָּאלִיצֵיי, אַ שָׁאד פַאר דִי מַאמֶע, זִי מֵיינְט אַז דָא אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, וֶוען זִי זָאל וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז וָואלְט זִי זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז אִיר בָּחוּר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא פְּלַאץ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט פַאר צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן, יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג אִיז גֶעקוּמֶען פָּאלִיצֵיי אִין יְשִׁיבָה זוּכְן דִי בָּחוּרִים, מֶען אִיז דֶעמָאלְט גֶעגַאנְגֶען זָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זָאל מִיר הֵייסְן אַרוֹיס שִׁיקְן דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אִיבֶּערְדְרֵייעֶנִישׁ וְכוּ', הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ בָּחוּר פוּן דִיר וָואס קוּמְט בֶּעטְן חִיזוּק וְעִידוּד", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶוען דַיין טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק און אַרַיין גֶעוָוארְפְן שְׁטֵיינֶער אִין מַיין פֶענְסְטֶער, וָואס הָאסְטוּ גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל דֶעמָאלְט טוּן? אִיךְ וָואלְט דִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט פַארְשִׁיקְן?!"

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף אִים, אַז מֶען זָאגְט אוֹיף אִים שְׁקָרִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שצו): דֶער נָבִיא קְרֶעכְצְט (הוֹשֵׁעַ ז, יג): "וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם", אִיךְ הֶעלְף דָאךְ דִי אִידְן, "וְהֵמָּה דִבְּרוּ עָלַי כְּזָבִים", און זֵיי רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטֶע רֵייד; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט דִי טְרָאפְּן פוּן נַ"ךְ: "וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם", אִיךְ הֶעלְף זֵיי, און זֵיי רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר.

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג טְרָאגְן מִיט דִיר אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹתְ'ל, און וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר

מִינוּט זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה. מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִין צְפַת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... הי"ו**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווָאוּיל אִיז אַייךְ אוּן ווָאוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי פְּרוֹיעֶן פוּן צְפַת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

אַז אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר צוּזַאמְנֶעמֶען דִי פְּרוֹיעֶן פוּן צְפַת מֶער ווִי אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיבֶּער גֶעבְּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו פַאר אַייעֶר חַבֵר'טֶע.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מְ'פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט אָנְגְרֵייטְן דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִין צְפַת, אִיר זֶעט עֶס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוְויסְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר אַנְדֶערֶע וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

אִיר הָאט אַוַדַאי גֶעהֶערְט פוּן דִי סְגוּלָה פוּן 'מִקְוֶה מַלְכָּה', וָואס מוֹהַרְאָ"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועןְ אַז יֶעדֶע פְּרוֹי וָואס וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה מַלְכָּה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער; זָאלְט אִיר גֵיין קַיין יַבְנְאֵל זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וְכוּ' וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מִיט קִינְדֶער.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַרָאפְּפַאלְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לב.): "שַׁבְקֵיהּ לְרַוְיָא דְּמִנַּפְשֵׁיהּ נָפִיל", לָאז אָפּ דֶעם שִׁיכּוֹר, דוּ דַארְפְסְט אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן ווייל עֶר וֶועט מְמֵילָא אַלֵיינְס אַרָאפְּפַאלְן; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דַיין מַעֲשֶׂה, דוּ דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּן מִיט אִים, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַרָאפְּפַאלְן; אֵיינֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן בַּאקוּמְט בַּיים סוֹף אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

דוּ זַיי מְחַזֵק דַיין מַאמֶע תְּחְיֶ', דֶערְצֵייל אִיר נָאר שֵׁיינֶע זַאכְן; הָאבּ נִישְׁט צוּ טוּן מִיט אִים. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ד): "אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה", הָאבּ נִישְׁט צוּ טוּן מִיט אַ נַאר אַ מְנֻוָּל, ווייל וֶוער עֶס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ נַאר וֶוערְט אַלֵיינְס אַ נַאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אַייךְ אִין דִי מִשְׁפָּחָה.

...

~~~~~~~~~~~